# עולת שבת בשבתו

כתה ט' מכינה לישיבה בת"ת תו"י דרב"י קרית יואל יצ"ו בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

בעזהשי"ת | פרשת מסעי | שנת תשע"א לפ"ק


## מילי דחסידא

**ואת הערים אשר תתנו ללוים את שש ערי המקלט ועליהם תתנו ארבעים ושתים עיר:**

בהעיר לב להבין ולדעת יש לרמז בזה, כי מצוה זו נוהגת בכל זמן כי התורה נצחית וע"כ אפילו בזמה"ז יש לה שייכות והוא תיקון למכה נפש בשגגה, ר"ל מי ששגג בחטאים ועונות ומשחית את נפשו הוא יעשנה. ר"ל שיעשה תיקון זה בקבלת עול מלכות שמים באהבה שלימה ובמסי"נ גדול באמת בכל לבבו להשי"ת בהששה תיבות שמע ישראל וכו' והמה בחי' **שש ערי מקלט, ועליהם תתנו מ"ב עיר**, הוא בחי' פרשה א' של קרי"ש שהוא ואהבת שיש בה מ"ב תיבות, והיינו קבלת אהבתו יתב' ותורתו בכל לב ונפש, וע"י המסי"נ באמת בכל לבבו לקבל עליו עול מלכות שמים, וע"י קבלתו באמת אהבת השי"ת בכל לבבו בזה נתכפר לו על שהכה את נפשו בשגגה (אוהב ישראל)

## דרש דרש

**וישמע הכנעני מלך ערד וכו':** די גמרא זאגט "וישמע הכנעני" וואס האט ער געהערט, ער האט געהערט אז אהרן איז נסתלק געווארן און די ענני הכבוד זענען אוועקגענומען געווארן.

זאגט דער **ברעזשאנער רב זצ"ל** אין **תכלת מרדכי**, אז עס איז ידוע אז דאס אויב דאס מאכן דעם עגל ווערט גערעכנט אלס א חטא פאר אהרן איז נאר אויב איך זאג אז איך גיי בתר מעשה, ווייל במחשבה האט אהרן הכהן נישט געזינדיגט ווייל זיין כוונה מיטן מאכן דעם עגל איז געווען לשם שמים, ער האט נישט געוואלט אז עס זאל ח"ו זיין א גזירת כלי' אויף כלל ישראל, האט ער דאס גענומען אויף זיך.

ווען יצחק אבינו האט געגעבן די ברכות פאר יעקב אבינו האט ער באמת אינזינען געהאט צו בענטשן עשו, אבער במעשה האט ער געבענטשט יעקב, קומט אויס אז דאס וואס יעקב האט באקומען די ברכות דאס איז נאר אויב איך גיי בתר מעשה, ווייל אויב איך גיי בתר מחשבה האט דאס עשו באקומען.

ווען עמלק מזרע עשו האט געזעהן אז די ענני הכבוד זענען אוועק גענומען געווארן, האט ער פארשטאנען אז דאס איז געווען אינעם זכות פון אהרן הכהן, איז פון דעם משמע אז דער חטא העגל ווערט נישט גערעכנט פאר א חטא פאר אהרן, מוז דאך זיין אז מ'גייט בתר מחשבה, אויב אזוי קומט דאך יצחק'ס ברכות פאר עשו, ממילא איז ער געווען זיכער מכח די ברכות פון יצחק אז ער וועט מנצח זיין אין די מלחמה, און וועגן דעם איז ער געקומען מלחמה האלטן.


ווען עמלק מזרע עשו האט געזעהן אז די ענני הכבוד זענען אוועק גענומען געווארן, האט ער פארשטאנען אז דאס איז געווען אינעם זכות פון אהרן הכהן, איז פון דעם משמע אז דער חטא העגל ווערט נישט גערעכנט פאר א חטא פאר אהרן, מוז דאך זיין אז מ'גייט בתר מחשבה, אויב


## מעשה רב

### פארוואס דארף מען ערי מקלט?

מיר לערנען די וואך אין די סדרה די פרשה פון ערי מקלט. ווי אזוי עס זענען געווען דריי שטעט אויף די זייט ירדן און דריי שטעט אויף די זייט ירדן.

די גמרא אין מס' מכות פ"ב פרעגט פארוואס האט מען דאס אזוי צוטיילט האלב אויף האלב, אמער 9 ½ שבטים פון כלל ישראל איז געווען אין ארץ ישראל, און בלויז 2½ שבטים, די בני גד ובני ראובן וחצי שבט מנשה, זיי זענען געבליבן מעבר הירדן, פארוואס האט מען זיי באשטימט האלב פון ערי מקלט?! ענטפערט די גמרא "משום דגלעד נפישי רוצחים שנאמר הוי גלעד קרית פועלי און עקובה מדם" מיר באגעגענען א פסוק אז גלעד איז א שטאט פון פועלי און, אין איר איז אסאך בלוט פארגאסן, דעריבער אז דארט זענען דא מערערע רוצחים דארף זי האבן מערערע ערי מקלט.

לכאורה איז שווער וואס מיינט די גמרא משום דגלעד נפישי רוצחים, ווער זענען די רוצחים וואס וואוינען אין גלעד, מיינט עס צו זאגן אז די גוים וואס האבן געוואוינט אין גלעד נאך איידער די אידן זענען אריינגעגאנגען קיין ארץ ישראל?! וואס איז דאס נוגע פאר די אידן וואס קומען אריין קיין ארץ ישראל?! פארוואס דארף מען פאר זיי האבן באזונדערע ערי מקלט ווייל די גוים וואס האבן דארט געווען בעפאר זענען געוואוינט רוצחים?!

און דער עיקר קשיא וואס ווערט שווער אויף די גמרא איז, זייט ווען דארף מען האבן ערי מקלט פאר רוצחים, די ערי מקלט זענען דאך נאר פאר שוגגים, מכה נפש בשגגה, נו, פארוואס זאגט די גמרא אז וויבאלד נפישי רוצחים, ווייל זי איז א שטאט, א קרית פועלי און עקובה מדם, דארף מען דארט האבן מערערע ערי מקלט?!

א וואונדערבארער הסבר זאגט דערויף דער פאפער רב זצ"ל מיט א מעשה שהיה.

געווען איז דאס ביי איינע פון די רייזעס וואס דער הייליגער בעש"ט הק' זי"ע האט אונטערגענומען אינאיינעם מיט זיינע תלמידים. דער בעש"ט האט באפוילן דעם גוי'אישן בעל עגלה אלעקסיי צו שפאנען פערד און וואגן, און דער בעש"ט מיט זיינע תלמידים זענען געזעסן אינעווייניג און געשמועסט דברי תורה.

דער בעל עגלה זיצט זיך ווי געווענליך אויפן קוטשער בענקל, ער איז פארטראכט אויפן גאנצן ארום, ער קוקט זיך אום אויף אלע זייטן, און ער לאזט די פערד לויפן אינעם ריכטונג וואס זיי אליין האבן שוין געוואוסט וואו זיי דארפן צו גיין ווי שטענדיג ביים בעש"ט נסיעות.

אזוי קומט דאך יצחק'ס ברכות פאר עשו, ממילא איז ער געווען זיכער מכח די ברכות פון יצחק אז ער וועט מנצח זיין אין די מלחמה, און וועגן דעם איז ער געקומען מלחמה האלטן.

*

**ויכתוב משה את מוצאיהם למסעיהם על פי ה׳, ואלה מסעיהם למוצאיהם:** פארוואס שטייט אנהייב צום ערשט **מוצאיהם**, און שפעטער צום ערשט **מסעיהם**?

זאגט **הגאון ר׳ יודא אסאד זי"ע** אז לכאורה איז שווער, וואס איז דער גרויסער נס פון קריעת ים סוף, מיר געפינען דאך אין די גמרא אז פאר ר׳ פנחס בן יאיר האט זיך אויך געשפאלטן דער טייך.

דער תירוץ איז, אז דורך קריעת ים סוף האט דער ים באקומען א טבע אז ער קען זיך שפאלטן פאר צדיקים אויך אין שפעטערדיגע דורות. קומט אויס אז אלע ניסים וואס וועלן געשעהן אין אלע דורות איז נאר אין כח פון די פריערדיגע ניסים, און אויב השי"ת וואלט געפירט די אידן פון מצרים דורכן לאנד פלישתים גלייך קיין ארץ ישראל, וואלט זיך דער ים קיינמאל נישט געקענט שפאלטן.

קומט אויס אז די אידן האבן געמיינט אז די אלע פאסירונגען זענען געשעהן צוליב די מסעות, ווייל זיי זענען אנגעקומען אויף דעם פלאץ האט געדארפט געשעהן דער נס, דערווייל איז פונקט פארקערט, אלע מסעות פון די אידן אין מדבר איז געווען כדי עס זאל פאסירן די אלע ניסים, אלץ א הכנה צו די שפעטערדיגע דורות.

דאס זאגט דער פסוק: **ויכתוב משה את מוצאיהם למסעיהם**, משה רבינו האט געשריבן, אזוי ווי די אידן האבן געקלערט, אז די פאסירונגען זענען געשעהן ווייל זיי האבן געצויגן אויף די פלעצער, אבער **על פי ה׳** דער אויבערשטער האט געזאגט פארקערט, **ואלה מסעיהם** אז וועגן דעם האבן זיי געצויגן אויף די אלע פלעצער, **למוצאיהם** כדי עס זאל מיט זיי פאסירן די אלע זאכן, עס זאל זיין א הכנה פאר די שפעטערדיגע דורות.

## בפרדס הפרשה

### לימוד פרקי אבות (ב)

ב) א צווייטע שיינע טעם פארוואס מען לערנט פרקי אבות, ווערט געברענגט אז דאס לערנען פרקי אבות איז גאר א שבח אויף משה רבינו, וויבאלד עס הייבט זיך אן מיט "משה קבל תורה מסיני" און עס שילדערט די השתלשלות קבלת התורה דור אחר דור, וועגן דעם האט מען מתקן געווען אז מ'זאל דאס לערנען שבת נאכמיטאג, בזמן פטירת משה רבינו צו דערמאנען אז די שלשלת הקבלה ווי אזוי כלל ישראל האט מקבל געווען די תורה דור אחר דור, שטאמט טאקע פון משה רעי' מהימנא.

ג) אין מחזור וטרי (סי׳ תכ"ד מס׳ אבות) שרייבט ער אזוי "ונהגו העם לשנותה בבית המדרש בין מנחה למעריב בשבת, לפי שעמי הארץ נאספים לקריאת התורה במנחה ומשמיעים אותם מידות תרומיות השנויות במס׳ זו פרק ליום, כלפי שאמרו חכמים בהמניח את הכד (ב"ק דף ל׳ ע"א) "הי ניהו חסיד מאן דמקיים מילי דאבות".

אזוי אויך שרייבט דער מהר"ם מרוטנבורג "מנהג בכל ישראל לומר פרקי אבות בשבת בין מנחה למעריב משום יושבי קרנות, כדי להשמיע את העם ולקרבם לתורה".

פון דעם זעהט זיך אויס אז די סיבה פון לערנען פרקי אבות האט נישט קיין ספעציעלן שייכות מיט די פטירה פון משה רבינו, און דער לימוד איז מער געאייגנט פאר די פשוטי עם, וואס די שיינע עניני מוסר ומידות פון פרק דאס זאל זיי דערנענטערן צו די תורה און שמירת המצוות.

**אזוי אומערווארטעט, שטעלט זיך פלוצלונג דער בעש"ט אויף פון ארט, און ער הייבט אן צו שרייען אויפן בעל עגלה מיט קולי קולות: "שנעל! שנעל! כאפ אן די לייצעס און הייב אן צו טרייבן די פערד!"**

**דער בעל עגלה האט זיך ווי אויפגעכאפט פון א טיפן שלאף, און זיך א נעם געטון צו די לייצעס, און די פערד האבן אנגעהויבן צו לויפן ווילדערהייט, נאך עטליכע מינוט האט זיך דער בעל שם טוב בארוהיגט, און ער האט זיך צוריק אראפגעזעצט, און ממשיך געווען דעם שמועס מיט די תלמידים. די תלמידים האבן געוואוסט אז עפעס איז דא פארגעקומען פאר זייערע אויגן, זיי האבן זייער רבי'ן געקענט, זיי האבן געוואוסט אז דאס שרייען אויפן בעל עגלה איז נישט קיין דברים של מה בכך, פארט האט זיך אבער קיינער נישט געטרויעט צו פרעגן דעם בעש"ט הק׳ דערוועגן, און זיי האבן געמוזט ווארטן אויף א געלעגנהייט.**

**ווי נאר די פערד האבן זיך אפגעשטעלט פון זיך אליין, האבן די תלמידים ארומגענומען דעם בעל עגלה, און זיי האבן אים געפרעגט צו ער ווייסט עפעס ספעציעל וואס זאל בארעכטיגן דאס וואס דער רבי זאל האבן געשריגן אויף אים.**

**דער גוי'ישער בעל עגלה האט אראפגעלאזט דעם קאפ, און מיט א געשטיקטע שטימע האט ער דערציילט:**

**"איך ווייס אייך נישט וואס צו זאגן, קיינמאל האט נאכנישט פאסירט ווי דאס וואס עס האט היינט פאסירט, ווען אינמיטן וועג האט מיר אנגעכאפט א מאדנע תאוה פון רציחה, און עס האט אין מיר אנגעהויבן צו ברענען א ווילן ארויפצופאלן אויף אייך אלע און אייך דער'הרג'ענען, אין יענע סעקונדע וואס איך האב דאס געוואלט טוהן האט זיך דער רבי אויפגעשטעלט און אנגעהויבן צו שרייען אז איך זאל נעמען די לייצעס אין די האנט, און טרייבן די פערד, און ביז עטליכע סעקונדעס האט זיך די תאוה אפגעטון פון מיר".**

**די תלמידים האט פארשטאנען אז דאס איז ווייט נישט אזוי פשוט, און ווילענדיג פארשטיין וואס דא איז פארגעקומען האבן זיי זיך געוואנדן צום הייליגן רבי'ן און געבעטן אן ערקלערונג אויף די היינטיגע פאסירונגען.**

**האט זיי דער בעש"ט הק׳ געענטפערט: "איך וועל אייך געבן צו פארשטיין וואס דא איז פארגעקומען, דאס ארט וואו מיר זענען אריבערגעפארן איז דאס ארט וואו עס איז פארגעקומען די ערשטע רציחה אויף די וועלט, דא האט קין גע'הרג'עט הבל, אויף דעם ארט איז צום ערשטן מאל איינגעזאפט געווארן מענטשליך בלוט, דעריבער איז דאס ארט אזוי געווארן בטבע אז ווען מען גייט אריבער אויף איר פלאץ ווערט אויפגעוועקט נאטורן פון רציחה, האב איך פארשטאנען אז ווען דער גוי וועט דא אריבערפארן וועט ער זיין מסוכן, האב איך אים געהייסן זיין פארנומען און אוועקטרייבן די פערד ווי שנעלער פון דעם ארט, און ווען מען איז שוין געווען אוועק פון יענעם ארט, איז די תאוה אוועקגעגאנגען פון אים".**

**"אט דאס איז געווען אין גלעד" פירט אויס דער פאפער רב זצ"ל "בגלעד נפישי רוצחים, אין גלעד איז מאז ומקדם געווען אסאך רציחות, טאקע ביי די גוים נאך איידער די אידן זענען אהינגעקומען, דאס איז א גורם אז דא זאל פארגאסן ווערן בלוט, סיי במזיד סיי בשוגג, טאקע צוליב דעם דארף מען האבן ערי מקלט אין גלעד מער ווי נארמאל, ווייל אויב איז דאס עקובה מדם, אויב איז דא שוין פארגאסן געווארן אסאך בלוט וועט דא מוזן געשעהן רציחות".**